KLIBANOV D

# רני עקרה

## נייע פיר לידער

צוא זינגען מיט זייער שיינע מאלידיען

1) רני עקרה 3) ישראליק

2) דיא גימיינע וועלט 4) דער קאלידאר

**ווילנא**

---

**РОНИ АКОРО.**

**Пѣсни. Соч. Г. Клибанова.**

Съ Вилен. изд. 189[illegible] г.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

---

ВИЛЬНА. Въ типографіи
Л. Л. Маца, Завальная ул.
№ 30. 1908 г.

# רני עקרה לא ילדה.

1

פאר וואס איז מיר אזוי פינסטער מיין וועלט
אין וואס פאר איין מאל בין איך דא גיבארין
איך בין דאך דא גאר צום אומגליק גישטעלט
אין אנגסט צו פאר בריינגען מיינע יאהרין
איך וועל דאך מיינע צרות ניט אריבער טראגין
עס איז דאך גאר ניט א סברה
אויף דעם נאמען, עקרה!
דער נאמען קריינקט מיר
גאר אן א שיעור
וויא קען מיר איין גיין מיין עשירות מיין געלט
אז איך האב גיט קיין קינד
ווייא צו דיא ווינד
וואס טויג מיר מיין לעבין אויף דער וועלט.

2

אך: מיין גאט איך פרעג נאר בייא דיר
פאר וואס האסטו מיר מיין שיין פארשטעלט
פאר וואסערע זינד קומט דאס מיר,

איך זאל זיין אזוי עלינר אויף דער וועלט
ליבער וואלט איך ניט גיבארין ווערין גאר
צו וואס האב איך גידארפט די וועלט דערקאנגען
אז איך האב ניט דער לעבט קיין דר
ווער עס זאל מיך נאך מיין טויט דערמאנען
מיין נאמען וועט שיין
אין תהום אוועק גיין
ווי א חלום וואס ווערט נאר פאר גישטעלט
אז איך האב גאר
ניט דערלעבט קיין דר
וואס טויג מיר מיין לעבין אויף דער וועלט

3

וויא קען איך מיין אנגסט פאר געסין
און וויא קען מיר מיין לעבין איין גיין
אז איך זעץ זיך אנידער בייא מיין טיש עסין
איינע אליין וויא א שטיין
איך בין דאך שטענדיק אין איין צארין
וואס טויג מיר מיין פארמעגין מיין גוטס
אז איך בין גיגליכען צו אטרוקענים דארין
וואס קיינער האט פון אים קיין נוץ

אַזוי נוּץ אִיךְ דִיר
אוי וַוייא צוּא מִיר
צוּ וָואס הָאסְטוּ הֶעם דָארִין גִישְׁטֶעלְט
אַז אִיךְ בִּין גִיגְלִיכֶען שׁוֹים
צוּא דֶער דַארֶער בּוֹים
וָואס טוֹיג מִיר מַיין לֶעבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט

4

אַז אִיךְ הֵייבּ וֶוען אָן מַיין לֶעבִּין בַּאקְלֶערִין
וָואס הָאבּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר אַוֶוערְד
הֵייבְּט זִיךְ מִיר אָן מַיין מוֹחַ צוּ קֶערִין
אִין גֶעזִיכְט וֶוער אִיךְ שְׁוַוארְץ וִויא דִי עֶרְד
מַיין הַארְץ קֶען מִיר נִיט שְׁטִילִין
וִויא זָאל מִיר אַיין גֵיין מַיין לֶעבִּין
אִיךְ זֶע בַּייא יֶעדֶער מוּטֶער אִיהְרֶע קִינְדֶערְלִיךְ שְׁפִּילִין
וִויא דִיא פֵייגֶעלִיךְ טוּעֶן זַייא שְׁוֶועבִּין
אוּנ אִיךְ רַק
וִויא דֶער וָואלְקְלַאק
שְׁטֶענְדִיק אַלֵיין אִין גִיצֶעלְט
אִיךְ זֶע קֵיין פְרַייעֶ מוּט
גוּטְס אִיז נִיט בְּלוּט

וָאס טויג מִיר מַיין לֶעבִּן אויף דֶער וֶועלְט.

5

שְׁטֶענְדִיג בִּין אִיךְ פַאר חוּשֶׁכְט, פַאר קְלָאגְט
וִויא זָאל מִיר אַיין גַיין מַיין וֶועלְט
אִיךְ זֶע יֶעדֶער מוּטֶער אִיר קִינְד אויפֶען אָרֶעם טְרָאגְט
פוּן אִיר מִינָעלֶע, פוּן אִיר שְׁמֵייכִיל, זִיא קְוֶועלְט
אִיךְ הָאבּ דָאךְ אויךְ דֶעם פַאר שְׁטַאנְד דֶעם שֵׂכֶל
מִיט אַלֶע פְרוּיעָן צוּ גְלַייךְ
אַז אִיךְ זֶע פוּן אַיין קִינְד אַמִינֶע, אַשְׁמֵייכִיל
גִיסְט פוּן מִיר טְרֶערִין אַ טַייךְ
פַאר וָואס קוּמְט מִיר דָאס
אַזַא פַאר דְרָאס
אַז אִיךְ זָאל זֶעהְן וִויא יֶענֶע קְוֶועלְט
עֶס פְלַאצְט מִיר מַיין הַארְץ
פוּן אַיין שְׁמַארְץ
וָואס טויג מִיר מַיין לֶעבִּן אויף דֶער וֶועלְט

6

וִויא שֵׁיין אִיז דִיא בּוים מִיט אִירֶע פְרוּכְט
וֶוען זִיא בְּלִיט נָאר צוּא דֶער צַייט
פוּן אִירֶע פֵּירוֹת יֶעדֶערֶער פַאר זוּכְט

אוּנ אִיר רֵיחַ הֶערְט זִיךְ אוֹיךְ גַאנְץ וַייט
אַזוֹי אִיז דִיא אִשָׁה גְלַייךְ וִויא דִיא בּוֹים
פוּן אִיהְרֶע צְוַייגֶען שְׁטֶענְדִיג זִיא קְוֶועלְט
וֶוען זִיא זִיצְט זִיךְ אַפִּילוּ אִין דֶער הֵיים
אָבֶּער אִיר נָאמֶען הֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶר וֶועלְט
אוּנ מִיר אִיז מַיין לֶעבִּין פַּאר שְׁטֶערְט
מַיין נָאמֶען ־קֵיינֶער הֶערְט
אִיךְ בִּין גְלַייךְ וִויא דֶער שְׁטֵיין אוֹיפִין פֶעלְד
וֶוער קֶען מִיךְ
אוּנ וֶועמֶען קֶען אִיךְ
וָואס טוֹיג מִיר מַיין לֶעבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט

7

אָח ! וִויא שְׁלֶעכְט אִיז מִיר אִין יֶעדֶער פְּרַט
אִיהר בַּארֶעכִינְט דָאס נָאר מִיט אַיין זִינֶען
וָוען אִיךְ וָואלְט חָאטְץ דֶעם וַייטִיג גִיהַאט
דֶעם טַעַם פוּן אַקִינְד צוּא גֶעוִוינֶען
וָואלְט נָאךְ מִיךְ אַזוֹי פִּיל נִיט פֶערְדְרָאסִין
מַיין הַארְץ וָואלְט אִיךְ מִיר דֶערְמִיט גִיקִילְט
נָאר אוֹיף מִיר הָאט זִיךְ דִיא תּוֹכָחָה אוֹיס גִיגָאסִין
אַז אִיךְ הָאבּ אַפִּילוּ דֶעם וֶוייטִיג נִיט גֶעפִילְט

איך בארעכין מיין קלאג
אלע טאג
אז דיא יונגע יאהרין האבין זיך שוין גיפעלט
און איך בין געבליבען אליין
א צוטריקינטע ביין
וואס טויג מיר מיין לעבין אויף דער וועלט

8

איך וואלט זיך אליין וועלין פא[illegible]פען
נאר איך האב דאך אויך א מענשליכען געפיל
אז קיינער וואלט נאך מיך ניט צעפען
וואלט איך נאך געשוויגען שטיל
נאר מיינע כחות דארפין דאך אויס גיין
וויא זאל מיר ניט וויא טאן מיין הארץ
אז נאר אהאר, רופט מען מיך שטיין
וויא זאל איך ניט פלאצין פון שמארץ
פון דעם נאמען שטיין
שטארב איך שוין
צו קויפט מען דען קינדער פאר געלט?
אז איך דער הער דעם ווארט
שטארב איך אויפען ארט

וָואס טויג מִיר מַיין לֶעבּן אויף דֶער וֶועלְט

9

פוּן מַיינֶע אויגְן טְרֶערְן פְלִישֶׁען
מַיין וֶוייטִיג אִיז מִיר זֵייעֶר גְרוֹיס
וִויא זָאל דָאס מִיךְ נִיט פֶערְדְרִיסֶען
אִיךְ בִּין דָאךְ נִיט מֶער וִויא בְּלוּט אוּנ פְלֵייש
אַח ! וִויא זָאל אִיךְ אָן נֶעמֶען פַאר גוּט
אַז מַיין אֵייגֶענֶער חַבֶר אויךְ רֶעט
עֶר צַאפְּט מִיר אויךְ מַיין בְּלוּט
עֶר שְׁרַייט אִין אֵיין קוֹל נָעם גֶט
עֶר טַעֲנֶעט אֵיין טַעֲנָה
אַז אִיךְ בִּין נִיט זַיינֶע
שְׁטֶענְדִיק מִיט מִיר עֶר קְנֶעלְט
אוּנ אִיךְ דַארְף דָאס הֶערְן
אִיךְ בַּאגִיס זִיךְ מִיט טְרֶערְן
וָואס טויג מִיר מַיין לֶעבְּן אויף דֶער וֶועלְט

10

אִיךְ מוּז דָאךְ מַיין הַארְץ אוֹיס רֵיידְן
אִיךְ בִּין דָאךְ גָאר פַארְבַּייא
וִויא זָאל אִיךְ זִיךְ פוּן מַיין חַבֶר שֵׁיידְן

אַז דֶער לֶעבִּין אִיז אַזוֹי גִיטְרַייא
וִויא וָזאל אִיךְ זִיךְ שַׁיידִין פוּן מַיין אַייבִּיגֶע־ פָּאר
עֶס דַארְף דָאךְ דִיא הַארְץ צוּ גֵיין
אִיךְ הָאבּ אָפּ גִילֶעבְּט מִיט מַיין חַבֵר אַזוֹי פִּיל יָאר
אוּנְ צוּם סוֹף זָאל אִיךְ בְּלַייבִּין אַלֵיין
עֶס קֶען דִיא וָועלְט אוּנְטֶער גֵיין
וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט שֵׁיידִין אַלֵיין
מִיא הָאט דָאךְ אוּנְז בֵּיידִין אוּנְטֶער אֵיין חוּפָּה גִישְׁטֶעלְט
בִּיז מַיין טוֹיט וֶועל אִיךְ קוּשִׁין
דֶעם טַבַּעַת קְדוּשִׁין
עֶר הָאט אוּנְז גִיבּוּנְדִין בִּיז דֶער אַייבִּיגֶער וֶועלְט.

## ענדע

## דִיא גֶעמֵיינֶע וֶועלְט

ן

אִיךְ שְׁטֵייא דָא אוּנְ קְלֶער
וָואס אִיז דֶער מֶער
מִיט הַיינְטִיגֶער וֶועלְט
וָואס וואוּ מֶען גֵייט
אוּנְ וואוּ מֶען שְׁטֵייט

נאָך מען שרײַבט עס פּעלט
מען האָרעוועט מיט שווייס
פֿון קלײן ביז גרויס
אין היץ און אין קעלט
און פֿון אַלע מלאָכות
איז אין קעשענע קדחות
גוואַלד ברידער וואו נעמט מען געלט

2

דער מענטש ער רייסט קריעה
מיט שווערע יגיעה
ער וויל זיך לעבן בשלוה
ער זוכט צו געפינען
זײַן ברויט צו פערדינען
נאָר ניט אָן צו קומען צו דעם מלוה
עס איז דאָך אָבער ניט אַסברה
מען וויל דאָך לעבן וויא דער שררה
מיט פערגעניגען זיצען אין ניצעלט
דעריבער איז שלעכט דיא צייט
פֿאַר אונז אָרעמע לײַט
גוואַלד ברידער וואו נעמט מען געלט

8

מען וויל זיך גלייכען
צוא דעם רייכען
מען איז אלעם דעם גביר מקנא
חאץ איין משכון צוא לייגען
נאר דיא מארע ניט פאר בייגען
מען איז אלעם דעם יצר הרע מהנה
עס איז אבער שווער וויא אייזען
מען קען דאס ניט דערווייזען
דער גלות האט דיא וועג פארשטעלט
עס איז צרות וויא האלץ
מען מוז דאך זיין שטארץ
גוואלד ברידער וואו נעמט מען געלט

4

אז מען זעט דיא גבירין
גייענדיק שפאצירין
וויא זייא גייען גיקליידעט נאך דעם זורנאל
מען וויל אויך האבין דיא וויגארע
אנטאן אזא מארע
תאע ארבעטין מיט דער גאל

מֶען לַייט חָאץ אויף אַיין וָואכֶער
אוּנ מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַהוּט מִיט אַפָּאכָער
אוּנ מֶען גֵייט אוּנ מִיא קְוָועלְט
אָבֶער וִויא דִיא בְּלוּטִין טוּעֶן זִיךְ בַּייטִין
אַז מֶען דֶער זֶעהְט דֶעם פְּרָאצֶענְטְנִיק פוּן וַוייטֶען
גְוַואלְד בְּרִידֶער וואו נֶעמְט מֶען גֶעלְט

5

אָט דֶערְפַאר אִיז גִישְׁלָאגִין דִיא וֶועלְט
אוּנ יֶעדֶערִין עֶס פֶעלְט
וַוייל מֶען נֶעמְט אַלֶם אִיבֶּערִין כֹּחַ
מֶען מַיינְט אַז דִיא גְבִירִין אִיז גוּט
אַז זַייא לֶעבִּין זִיךְ בַּארוּהְט
נַיין בְּרִידֶער, זַייא דְרֵייט אויךְ גֶענוּג דֶר מוֹחַ
בַּייא זַייא אויךְ נֶעבֶּעךְ טְרֶעפְט
אַז עֶס פְּלַאצְט פְּלוּצְלוּנְג דֶער גִישֶׁעפְט
אוּנ זַייא בְּלַייבֶּען שְׁוִוימֶען אִין מִיטִין דֶר וֶועלְם
אָט דַאמָאלְם אִיז שׁוֹין דִי הַצְלָחָה אִין גַאנְצִין
אַז דֶער דַלוּת הֵייבְּט אָן צוּא טַאנְצִין
גְוַואלְד בְּרִידֶער וואו נֶעמְט מֶען גֶעלְט

6

דער סוחר דער גרויסער
חאָץ ער איז איין עושר
דרייט אים אויך דיא קאָפּ
ער מוז איינקויפען זיין סחורה
חאָץ ער האָט מורא
טאָמער פאַלט פון מקח אַראָפּ
אָבער אַז ער חאַפּט דעם קונה אַריין
דעם ער אים איין
ער ווינקט מיט אים אונ קנעלט
ער מוז לייזען וויא ער קאָן
ווייל עס איז אויך קורץ אין סטאַן
גוואַלד ברידער וואו נעמט מען געלט

7

דער פריקאַשציק ער פירט זיך גרויס
מיט פיש אונ מיט פליייש
דיא ווייבעלע זייגע זיא שיינט
ער מאַכט ביי זיך איין התר
צו דער רעכענונג וועט זיין שפּעטער
דערווייל לאָמיר לעבין מיין פריווד

אָבֶּער וִויא טוּט עֶר זִיךְ נֶעמֶען דֶעם לֶעבּן
בְּעֵת עֶר דַארְף דֶעם סוֹחֵר חֶשְׁבּוֹן אָפּ גֶעבּן
עֶס אִיז צָרוֹת אוֹפִּין פוּר אַז עֶס פֶעלְט
דֶער סוֹחֵר עֶר רַייסְט אִים דִיא אוֹיגְן
אַז עֶר וָואלְט הָאבִּין וָואלְט עֶר גֶעבֶּעךְ דֶערְלַייגְן
גְוַואלְד בְּרִידֶער וואוּ נֶעמְט מֶען גֶעלְט

8

דֶער גִימַיינֶער עֶר דְרֵייט זִיךְ דֶעם מוֹחַ
מִיט גָאר דֶעם כֹּחַ
זַיינֶע קִינְדֶער גְרוֹיס אַרְטִיג צוּ פִירֶען
עֶר לֶערִינְט זַייא אִין דִיא קְלַאסִין
זַייא זָאלִין זַיין גֶעלַאסִין
אַז זַייא זָאלִין קָאנֶען דָאקְטָארְיֶע סְטוּדִירֶען
עֶר קָאן דָאס אָבֶּער נִיט אוֹיס פִירֶען
אַזוֹי וִויא דִיא גְבִירִין
אוֹיף קָאנְצֶענְיֶיע עֶס נֶעבֶּעךְ פֶעלְט
אַזוֹי בְּלַייבְּט זַיין קִינְד אַ הוֹיקֶער
קַיין דָאקְטֶער , קַיין אַפְּטֵייקֶער
גְוַואלְד בְּרִידֶער וואוּ גֶעמְט מֶען גֶעלְט

9

דָער אַבֶּעוואַטֶעל אַלֵיין
עָר לָעבְּט אויךְ גָעמֵיין
עָר קָען זִיךְ אויךְ נִיט גֶעבִּין קֵיין עֵצָה
עָס קָאן אִים נִיט שְׁטֵייעָן
עָר מוּז אויךְ נָעבֶּעךְ לֵייעָן
עָס שְׁטֵייעָט נִיט דִיא חַלֶּה אויף הַמוֹצִיא
מָען דַארְף דָאךְ קְלָעפִּין מִיט אַבָּאיֶיעס
דִיא זַאלֶען מִיט דִיא סְטַאלָאוָואיֶיעס
אונ דִיא פֵּאדְלָאגֶע אִין דַאמֶעס גִימֶעלְט
עָס אִיז גְרֶעסֶער דָער רַאסְחָאד
וִויא דָער פְּרִיחָאד
גְווַאלְד בְּרִידָער וואו נֶעמְט מָען גָעלְט

10

דִיא כְּלֵי זֶמֶר זֵייא שְׁפִּילֶען
וִויא פִּיל זֵייא וִוילָען
אָבֶּער פוּן דָעם שְׁפִּילֶען וֶוערִין זֵייא נִיט זַאט
זֵייא וָואלְטִין לָעבִּין נִישְׁט קָשֶׁה
פוּן זֵייעָר פַּרְנָסָה
אַז זֵייא וָואלְטִין אָפְטָער חֲתוּנָת גִיהַאט

עָס אִיז אָבָער זַייא אִין הַאלְז אַקְנָאכִין
דִיא סְפִירָה מִיט דִיא דְרַייא וָואכִין
דָאס פַאר אוּמֶערְט זַייא זַייעָר וָועלְט
אוֹיף זַייא אִיז אַגְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת
זַייא פַאסְטִין אָפְט אוֹיךְ אַ תַּעֲנִית
גְוַואלְד בְּרִידָער וואוּ נֶעמְט מֶען גֶעלְט

11

דָער בַּדְחָן עָר זָאגְט
וִויא פִיל זַיין כֹּחַ טְרָאגְט
כְּדֵי דֶעם עוֹלָם זָאל גִיפֶעלִין
עָר זִינְגְט לִידָער זַייעָר פַיין
וָואס קָען גָאר שֶׁענֶער נִיט זַיין
דִיא מְחוּתָּנִים זַייא זִיצָען אוּנ קְוָועלִין
אָבָער וָואס אִיז דִיא פְּעוּלָה פוּן זַיין זָאגִין
אַז בַּייא אִים אִיז נֶעבִּיךְ פּוּסְט דָער מָאגִין
פַאר הוּנְגֶער עָר נֶעבִּיךְ גִישְׁוָועלְט
נָאר עֶר מוּז זִיךְ פְּלַייסִין פַאר דִיא מְחוּתָּנִים
וַוייל עָר דַארְף נֶעבִּיךְ דִיא מְזוּמָנִים
גְוַואלְד בְּרִידָער וואוּ נֶעמְט מֶען גֶעלְט.

## ישׂראליק.

1

אין אַלע לענדער און קאַנטאָן
פון ווייטן, פון נאָענטן
הערט מען אַיין טרויעריגע לידעלע
דאס זינגט דער אידעלע
הערט נאָר וויא ער שרייט
פון אַלאַנגע צייט
וואס האָב איך געטאָן פאר פּלגות
וואס מען טוט מיר אַזוי
ווינד און וויא
נאָר אָן רחמנות

2

ער וויינט מיט אַביטערע האַרץ
פאר וואס האָב איך קיין רוה
ער שרייט פון שמאַרץ
מען הערט איהם ניט צוא
אָך! פאר וואס

קומט מיר דא,
צוא זיין פאר האסין פון אלע נאציאנעס
מען קריינקט דאך מיר
נאר אהן איין שיעור
גאר אהן רחמנות

3

ער מענט דאך נעבעך איין אמתע טענה:
וואס האב איך דא פאר א מעשה רע פאר שפילט
איך פאר נעם ניט קיינעם, איך היט נאר מיינע
פאר וואס ווערט דער כעס אויף מיר ניט גישטילט
איך פרעג נאר, פאר וואסערע זינד
זאל איך דא זיין אזוי פאר האסין
פאר וואסערע מעשים האב איך דאס פאר דינט
מיא זאל מיך זידלען אין דיא גאסין
גאר אהן ישרנות
גאר אהן רחמנות

4

צייט דיא וועלט שטייט, איז דער איד אין גלות

כּא פּרעה׳ן , האב איך געדינט אין מצרים
געקנאטין די ליים , מיט געוויין , מיט יללות
דעם טעם געדיינק איך נאך עד היום
אז פלעגט די צאל פון די ציגל ניט סטייען
פלעגט שיים ווערין א קלאג , א געוויין ,
מיינע קינדער פלעגין פאר מיר אטווייעצייען
פאר מויערט זייא אין שטאט דעם שטיין
געוואלד וואס איז דאס געווען פאר א רצחנות
צוא מוטשען אין קינד
פאר מיינע זינד
גאר אהן רחמנות

5

דער אידעלע קלאגט , ער שרייט אפין קול
מען האט מיך געדריקט אלע מאהל
זא פיל צרות האב איך שיין געליטין
אין שפאניע , האט מען מיך געברענט , אונ געשניטין

6

די אידען זיינען פון דארטען אנטלאפין

זיך בִּישְׁטָעלְט אַיין אָרְט אִין פוילִין
גִימֵיינְט גָאט וָועט זַייא מֶער נִיט שְׁטְרָאפִין
זַייעֶרֶע וואוּנֶדִין פַּאר הֵיילֶען
בֶּעשִׁירְמֶען אוֹיף לַאנְגָע צַייט
זַייעֶר לֶעבִּין רַאטִירֶען
עֶרְשְׁט פְּלוּצְלוּנְג פְּרֶעגְט מֶען , וָואס בִּיסְטוּ פַאר אַ לַייט
וָוער הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט אַ הָער צוּא פִירִין
יֶעדֶערֶער שְׁרַייט צוּא מִיר , זִיד ,
עֶס אִיז שְׁמוּצִיג דַיין וָויד
אִיךְ עֶרְטְרַאג מִיט סַבְלָנוּת
אִיךְ שְׁוַוייג שֵׁיין צוּא
מִיט גְרוֹיס רוּה
דָאךְ הָאט מֶען קַיין רַחֲמָנוּת

7

דָעם אִידָעלֶע אִיז מֶען מְבַזֶה אָן אַ שִׁיעוּר
עֶס אִיז שְׁוָוער צוּא טְרָאגִין
אָח ! מַיין גָאט , עֶנְטְפֶער שֵׁיין מִיר
וִויא לַאנְג וָועסְטוּ מִיךְ נָאךְ שְׁלָאגִין
שְׁטֶענְדִיג בִּין אִיךְ נָאךְ צוּם אוּמְגְלִיק גִישְׁטָעלְט

וֶעה נָאר וִויא גְרוֹים אִיז מַיין קְלָאג
אִיךְ זֶעה נִיט דִיא לִיכְטִיגֶע וֶועלְט
שְׁטָענְדִיג אִיז פִּינְצְטֶער מַיין טָאג׳
אִיךְ בִּין שְׁטָענְדִיג פַאר שְׁמַאכְט פוּן תָּאנֶעת
אִיךְ בֶּעט נָאר דִיר
עֶנְטְפֶער שַׁיין מִיר
אוּנ הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת

## צוּא שְׁפִּיל

1

אִיךְ וַויים מַיין קִינְד אַז דִיר אִיז שְׁלֶעכְט
אַטְכְּטַאוֶוע דַיין גִישְׁרַייא
דוּא בִּיסְט מַיין קִינְד גַאנְץ גִירֶעכְט
אוּמְזִיסְט טוּט מֶען דִיר וַוייא
הַאלְט נָאר שְׁטַארְק דֶעם נָאמֶען אִיד
אוּנ הִיט דַיינֶע צֶעהֶען גִיבָּאט
לֶערִין. דַאוֶוען, וֶוער נִיט מִיד
אוּנ הָאף מַיין קִינְד צוּא גָאט
הָאבּ פַאר קֵיינֶעם נָאר קַיין מוֹרָא

נָאר וַייא פְרוּם אוּנ הִיט דִיא תּוֹרָה
אוּנ פוּן אַלֶע שׂוֹנְאִים זָאלְסְטוּ לַאכִין
וָואס וָועלִין זֵייא דָא מִיט דִיר מַאכִין
אַז מַיין ווִילִין אִיז נִיט דֶער בַּייא

2

בַּייא פַּרְעָ׳ן בִּיסְטוּ אִין גָלוּת גִיוָועְן
בִּיז הַאלְדְז. אִין לֵיים גִיזֶעסִין
אִיךְ הָאבּ מַיין קִינְד, דָאס אַלֶעס גִיזֶעהֶען
אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיט פַּאר גֶעסִין
אוּנ אִין שְׁפַּאנְיֶע הָאט מֶען דִיר אוֹיךְ גִימוּצֶעט
מִיט מֶעסֶערְס, דַיין פְלֵייש גִישְׁנִיטִין
דֵיינֶע צָרוֹת, הָאבִּין מִיר אוֹיךְ, דַאקוּצֶעט
דוּא הָאסְט שֵׁיין גֶענוּג גֶעלִיטִין
דוּא הָאסְט מַיין קִינְד שׂוֹנְאִים סַכִין
נָאר וָואס קֶענֶען זֵייא מִיט דִיר מַאכִין
אָן מִיר וָוערְט קַיין זַאךְ נִיט גִיטָאן
וָוער טוּט וָואס אָן מַיין יְדִיעָה
דוּא הָאסְט דָאךְ גִיזֶעהֶן דֶעם סוֹף פוּן הָמָן
וִויא עֶר אִיז גִיהַאנְגֶען אוֹיפֶען תְּלִיָּה

3

דַייא נִיט אוּמְרוּהִיג דוּא אִידְעלֶע
עָס וָועט שַׁיין גִיט לַאנְג גִיוָועהְרִין
הֶער אוֹיף דַיין לִידְעלֶע
אוּנ וִויס אָפּ דַיינֶע טְרֶערִין
מֶען וָועט שַׁיין דִיר מֶער נִיט אוֹיס מַיידִין
אַ סוֹף צוּא דַיין שְׁלֶעכְטֶער צַייט
דוּא הָאסְט שַׁיין נָאר נִיט פִֿיל צוּא לַיידִין
דַיין גְלִיק אִיז שַׁיין נִיט וַוייט
אַלֶעכְּסַנְדֶער דֶער דְרִיטֶער אִיז דַיין קֵיסָער
פוּל מִיט רַחֲמָנוֹת אוּנ יוֹשֶׁר
עָר וָועט דִיךְ מַיין קִינְד בַּגְלִיקִין פוּן דָאס נַיי
נָאר לַייף נִיט פוּן דַיין שְׁטָאט
דִין אִים עֶרִינְסְט, זַייא אִים גֶעטְרַייא
אוּנ בֶּעט פַאר אִים דַיין גָאט

ענדע

## דֶער קַאלִידָאר

התקן עצמך בפ״וזדור (אבות).

I

אִיר מֶענְטְשִׁין אִיהר אַלֶע בַּארֶעכִינְט דָאס נָאר

וויא מיר זיינען דא פאר נארט אהן איין ברעג
אויפין רעכטען סוף , פאר געסין מיר גאר
אז מיר שטייען דא שטענדיג אויפען וועג
פונקט וויא דער אורח אויף דער אכסניע
וואס ער באשטעלט זיין נומער אויף א קליינער צייט
אזוי זיינען מיר דא אונזער גאנצע קאנפאניע
אויף א קליינער ווייליע איז דער מענטש דא א לייט
וויא דער שטן אויפין וואנט וואס ווערט ניט ניאכט
ווייליע ער ווערט פאר שוואונדען אין איין אויגין בליק
אזוי האט דעם מענטשינס לעבין קיין מאכט
דא לעבט ער גליקליך , דא רופט מען איהם צוא ריק
ער פאר בריינגט גאר זיין לעבין דא
א יאהר לייפט פאר ביא וויא א שעה
אונ אויף זיין סוף פאר קלערט ער ניט
כל זמן ער האט אפעטיט
ער זעט נאר זיין קערפער צוא מאכין זאט
אונ אויף דער לעצטער שעה פאר געסטער גאר
אונ דאס פאר שטייט ער ניט דעם פשט
אז דיא וועלט איז א קאלידאר

2

וֶועהָט נָאר וִויא יֶענֶער סְטְרַאדַאיֶיעט נַאפְּרַאסְנֶע
וֶוער עֶס פַּאר בְּרֵיינְגְט זַיין לֶעבִּין אִין הֶבֶל הֲבָלִים
וַיינֶע בִּיסֶעלֶע יָאהְרִין דִּיא גִישְׁצַאסְנֶע
זַייא לוֹיפִין פַּאר בַּייא פוּנְקְט וִויא אַ חָלוֹם
עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ נִיט צַייט אַרוּם צוּא זֶעהֶען
אִין וָואס פַּאר אַיין לַאנְגֶע עֶר שְׁטֵייט
וֶוערְט עֶר שַׁיין נֶעבַּאךְ גִיחַאפֵּט אִין פְּלֶען
פְּלוּצְלוּנְג גָאר אוּם גֶערִיכְטֶער הֵייד
עֶר וָואלְט שַׁיין דַאמָאלְס זַיין פַּאר מֶעגִין אָפּ גֶעבִּין
מֶען זָאל אִיהם נָאר זַיין לֶעבִּין רַאטִירֶען
עֶר שְׁרַייט שַׁיין סַיין גָאט, לָאז מִיךְ נָאר לֶעבִּין
אִיךְ וֶועל מִיךְ שַׁיין דָא אָרֶענְטְלִיךְ פִּירֶען
עֶר וַויינְט אוּנ שְׁרַייט גָאט אִיז גִירֶעכְט
אִיךְ הָאבּ נַארֶעכ גֶעפִירְט זַייעֶר שְׁלֶעכְט
בְּעֵת דֶער חֵלֶף לִיגְט אוֹיפִין הַאלְדְז
דַאמָאלְס וִויל עֶר חֲרָטָה הָאבִּין אוֹיף אַלְץ
עֶס הֶעלְפְט אִים אָבֶּר נִיט זַיין גִיוַויין זַיינֶע טְרֶערִין
מֶען וִויל נִיט שַׁיינְקֶען נָאךְ נִיט אוֹיף אַ הָאר
מֶען זָאגְט דוּא הָאסְט גִידַארְפְט פְרִיעֶר פַר קְלֶערִין

אָז דִיא וָועלְט אִיז אַ קַאלִידָאר

8

דָעם גְבִיר דָעם עוֹשֶר אִיז דָא זַייעֶר גוּט
עֶר פַאר בְּרֵיינְגְט דָא זַיין לֶעבִּין אִין פַאר גֶענִינְגֶען
זַיין קַאפִּיטַאל אִיז גְרוֹיס עֶר לֶעבְּט זִיךְ בַּארוּט
וָואס זַיין הַארְץ גִילוּסְט קֶען עֶר אַלְץ קְרִיגִין
אִין מוּזִיקֶע טִיאַטֶער פַאר בְּרֵיינְגְט עֶר זַיין לֶעבִּין
אוֹיף דֶער לֶעצְטֶער שָעָה וְויל עֶר נִיט פַאר קְלֶערִין
פוּן זַיין חֵלֶק דֶעם צְוֵוייטִין וְויל עֶר נִיט גֶעבִּין
עֶס קִימֶערְט אִים גָאר נִיט דֶעם צְוֵוייטִינְס טְרֶערִין
אַז דֶער אָרִימַאן קוּמְט צוּא אִים צוּא גֵיין
אוּנ שְטֶעלְט זִיךְ אַ נִידֶער בַּייא זַיין טִיהר
גִיט עֶר אַ גֶעשְׂרֵייא וִויא לַאנְג וֶועסְטוּ שְטֵיין
אֵיין מָאל אִין חוֹדֶש, מֶער גֵייט מֶע נִיט צוּ מִיר
עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט גֶעלְט אָן אַ צָאהל
וֶועט אִיהם שֵיין זַיין גוּט אַלֶע מָאהל
פַאר דֶעם אָרִימַאן קִימֶערְט אִיהם נִיט
וָואס עֶר פַאלְט פַאר זַיינֶע טְרִיט
עֶס אִיז אָבֶּער פַאראַן אַ אוֹיג וָואס זֶעט פוּן וַוייטִין
וִויא דֶער מֶענְטְש פַאשִירְט זִיךְ נָאר

דר מענש דארף פר קלערין אין די בעסטע צייטין
אז די וועלט איז א קאלידאר

4

ווען דער גביר וואלט נאר באַרעכענען דעם פלאַן
און ער וואלט פאר שטיין ריכטיג דעם אופען
וויא טייער ער דארף האלטען דעם ארימאן
ער קען איהם פון טויט אויך אויס קויפען
אז ער וואלט נאר זיין וויטיג שפירין
און ער וואלט איהם דער האלטין זיין לעבין
וואלט ער דאך זיך אין גאנצען ראטירען
דארטין וואלט מען אים מיט פריצענט אפ געבין
אבער מיט וואס וועט דער גביר קומען א הין
אז ער פאר ברייננט נאר אין פאר גיניגין זיין לעבין
און דעם ארימאן האט ער פיינט וויא א שפין
זיין ארעמען ברודער וויל ער אויך נישט געבין
ער זעהעט נאר צוא פאר זארגין פאר זיך אליין
אז עס זאל איהם זיין וויגאדע דער גיין
דיא גוטע קאפייע מיט דעם זיסען טייא
דאס איז זיין גאנצער לאטעריא
ער זעהעט נאר דער ווייזין דיא בעסטע מאכלים

און אִין דָעם רָעכְטִין עִיקָר אִיז עֶר בְּלִינְד סְטָאר
עֶר פַאר גֶעסְט אַז זַיין לֶעבִּין אִיז נָאר אַ חָלוֹם
אַז דִיא וָועלְט אִיז אַ קַאלִידָאר

5

יֶעדֶער מֶענְש דַארְף בַּאקְלֶערִין דָעם סוֹף פוּן דֶער וֶועלְט
דָעם פוּנְדַאמֶענְט פוּן אִיהר אוֹיף וָואס זִיא שְׁטֵייט
מֶען דַארְף בַּרֶעכֶענֶען אַז דִי טוֹיעֶר הָאט קֵיינֶער גִיפֶּעלְט
וִויא שְׁלֶעכְט אִיז יֶענֶעם וָוער עֶס הָאט נִישְׁט פָאר גְרֵייט
בֵּעת עֶר קוּמְט אַ הִין אוֹיף יֶענֶעם עוֹלָם
און מֶען פְרֶעגְט אִיהם וָואס הָאסְטוּ מִיט גִיבְּרַאכְט
דַאמָאלְס בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין וִויא דֶער לֵיימֶענֶער גוֹלֶם
וָואס זָאל עֶר עֶנְטְפֶערִין אַז עֶר אִיז פַאר שְׁמַאכְט
עֶר וֵויינְט, עֶר שְׁרַייט נָעבַּאךְ אוֹיפִין קוֹל
אִין הָבֶל הֲבָלִים הָאבּ אִיךְ מַיין לֶעבִּין פַאר בְּרַאכְט
עֶר בֶּעט רַחֲמִים מֶען זָאל אִיהם בֶּעשַׁאפִין נָאךְ אַ מָאל
עֶר וֶועט פַאר רִיכְטִין וָואס עֶר הָאט קַאלְיֶיע גֶעמַאכְט
עֶר שְׁרַייט און וֵויינְט מִיט הֵייסֶע טְרֶערִין
אַז גָאט זָאל אִיהם נָאר צוּא הֶערִין
און זָאל אִיהם פַאר גֶעבִּין אוֹיף זַיינֶע זִינְד
וָואס עֶר הָאט אוֹיף זַיין לֶעבִּין פַאר דִינְט

אבער דארטין באצאלט מען פאר יעדערווארט
דארטין איז פר שריבין יעדער טאג, יעדער יאהר
מען ענטפערט דו האסט גידרפט ברעכענען דארט
אז דיא וועלט איז א קאלידאר

6

נאר יענעם שעצט גליקליך ווער עס לעבט מיט א רעכין
אונ בארעכינט יעדער זאך מיט א נעפיל
זיין רעכטע וועג זעהעט ער ניט צוא פאר ברעכען
ער זעהעט זיך נאר צוא היטין פון דער פאלשער ציל
לערנען אונ דאווענען, דאס איז זיין גישעפט
ער זעהעט נאר פאר זארגען אויף דער לעצטער מינוט
אונ ווען עס איהם חלילה איין אומגליק טרעפט
נעמט ער דאס אויך אן פאר גוט
אז ער זעהעט פון דעם צווייטין א קרומע אוועיע
גיט ער איהם באלד פון דאס לעצטע אוועק
אונ זיין איינענעם קערפער איז ער דר מיט מחיה
ווען ער פילט אז ער האט אויף זיך קיין פלעק
ער זעהעט נאר פאר גרייטין זיך שפייז אויפין וועג
דערויף שטראדאייעט ער אלע זיינע טעג
ער שטארעט זיך וויא ווייט ער קאן:

אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצֶען אוֹיבֶּין אָהִן
עֶר לֶערִינְט יוֹם וָלַיְלָה, עֶר שְׁלָאפְּט נִיט כְּמֶעט
עֶר זֶעהֶעט נָאר צוּא מַאכִין זַיין נְשָׁמָה קְלָאר
וָוארוּם עֶר וֵייס רִיכְטִיג אַ קוֹרַאט
אַז דִיא וֶועלְט אִיז אַ קַאלִידָאר

ע נ ד ע

# אזהרה

איך בין מזהיר ומודיע אלע מדפיסים און מוכרי ספרים הן אין ווילנא אדער ווארשא אויך נאך אנדערע שטעט מיא זאל ניט דער וועגין עובר זיין על דת התורה ועל חוקי הממשלה יר"ה און איבער צוא ידרוקין דיא לידער אן מיין ידיעה דען איך וועל גיוויס ניט שווייגין אונ יענער יועט באשטראפט ווערין כפי הזקאן.

המחבר.